בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

ספר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

נֹחַ

226

תשפ"ב

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש ברסלב
בלומינג גראוו
Heichal Hakodesh
Blooming Grove
24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
1-845-238-0804

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

נדפס ע"י קרן הדפסה היכל הקודש
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747
718-387-2691
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
212-444-9191

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
212-444-9169

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


זָאל אִיךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין דִי סְטַאק מַארְקֶעט?..............................א
דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, קֶען מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק?...ב
זָאל מַיין וַוייבּ נֶעמֶען אַ בַּאגְלֵייטֶערְן בִּשְׁעַת שִׂמְחָה?........................ד
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דִי זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעט, אִיז גוּט פַאר מִיר?...ה
אִיךְ בִּין גָאר טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וִוי אַזוֹי קֶען
אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?..............................................ו
וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ בְּרֶסְלֶב? ..............י
וָואס מֵיינְט דָאס אַז מַיין זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן
אוּנְזֶער וֶועג אוּן וִויל פָארְן קַיין אוּמַאן?..................................יב


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אִיבֶּערְגֵיין מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָׁנָה הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל ......................א
תְּהִלִים אִיז אַזוֹי וִוי אַ קַאלְטֶע זִיסֶע גֶעטְרַאנְק ..............................א
זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה ..................................................ב
וַוייל אִיךְ דַארְף אַייךְ, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַייךְ וָואס צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן .....ב
אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִים, פַאלְט מֶען נִישְׁט..........................................ג
אִיךְ וֶועל דִיר אַוַדַאי אִינְזִין הָאבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן ............ג
הַלְוַאי זָאל זַיין בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְלַמְדִים וִוי דִיר ...............ג
אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מֶען אִיז אַרַיין אִין קָאנְטְרַאקְט אוֹיפְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן פַאר
קֶרֶן הַדְפָּסָה....................................................................ד
דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם אֶתְרוֹג ..................ה

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן ..........................................ז

אַז דוּ וֶועסְט אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ ..................ז

אַלְס כַּלָה דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זָאגְן נָאךְ מֶער תְּהִלִים..................ח

אַן אֵייגֶענֶעם צֵייטוּנְג וָואס זָאל זַיין נָאר פוּן אֱמוּנָה ............................ט

נֶעם זִיךְ פָאר בַּיים צִיוּן אַ שְׁטַארְקֶע גוּטֶע קַבָּלָה לִזְכוּת דַיין שִׁידוּךְ ........י

מְסַדֵר זַיין אַ חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן ....................................י

אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן .......................................יב

אַ שָׁאד דִי לֶעבְּן זָאל צֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן צוּלִיבּ אַ
שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז פַארְדְרֵייט........................................................יג

אַז מֶען גְלֵייבְּט, בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה...........................................יג

יֶעצְט דַארְפְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ..............................יד

עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען אֵיין יָאר, צוּ קֶענֶען קוּמֶען אַסַאךְ יָארְן קַיין אוּמַאן ...טו

ווָאוּ צֶען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אִינְאֵיינֶעם דַאוֶונֶען, אִיז דָארְט דֶער קִיבּוּץ טז

זֶע צוּ דַאוֶונֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶועסְטוּ זַיין בַּיים קִיבּוּץ................יז

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶעם רֹאשׁ הַשָׁנָה אִין אוּמַאן ........יז

זֶע מֶען זָאל בַּאצָאלְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע...... יח

מִיר דַארְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן............................................כ

זֶע צוּ דַאוֶונֶען מִיטְ'ן עוֹלָם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין ............................ כא

אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִיר וִוי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין כב

וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ זָאגְן מוּסָר, טָאר נִישְׁט זָאגְן מוּסָר ..............כב

שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ'ן מַאן ............................................................ כג

דַארְפְסְט שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט דִיר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן .... כד

רֹאשׁ הַשָׁנָה אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין אוּן דֶערְהוֹיבְּן................כה

נֶעם צוּזַאמֶען צְדָקָה פַאר מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף יוֹם טוֹב ....כו

מֶען דַארְף פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רָב וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן .......................כו

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**זָאל אִיךְ אִינְוֶועסְטִירְן אִין דִי סְטַאק מַארְקֶעט?**

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן נָאךְ דִי חֲתוּנָה, אִיךְ וִויל אָנְהֵייבְּן אַ פַּרְנָסָה, און עֶטְלִיכֶע פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים זֶענֶען אַרַיין אִין קוֹיפְן סְטַאקְס אוֹיפְ'ן סְטַאק מַארְקֶעט, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְדִינֶען דָארְט און זֵיי שְׁטוּפְּן מִיר אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ אַרַיינְגֵיין אִין דֶעם.

אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא, וַוייל אִיךְ וֵוייס אַז אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעזֶעצְט פוּן דִי סְטַאק מַארְקֶעט, ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס צוּ טוּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטֵיי וַווייט פוּן דִי גֶעשֶׁעפְטְן; נֶעם אַרַיין אִין דִיר 'נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ ווִי גְרִינְגֶע גֶעלְט', וֶוער עֶס רֶעדְט פוּן מַאכְן גְרִינְג גֶעלְט - אִיז אַ פָּאפֶּער, אַ רַמַאי, עֶר פָּאפְּט זִיךְ און פָּאפְּט אַנְדֶערֶע; בֶּעט אִיךְ דִיר, לָאז זִיךְ אָפּ דֶערְפוּן, גֵיי נִישְׁט נָאךְ דַיינֶע חֲבֵרִים, לֵייג נִישְׁט אַרַיין קַיין אֵיין דָאלֶער אִין דֶעם.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט סְטַאק מַארְקֶעט אִיז אַ גְרוֹיסֶער דִמְיוֹן; אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן שְׁוֶוערְן זִיךְ אַז דָאס אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ אִינְוֶועסְטִירְן דִי גֶעלְט, מֶען

זֶעט מֶענְטְשְׁן מַאכְן גֶעלְט - אִיז דָאס פּוּנְקְט וִוי גֶעמְבְּלֶען וְכוּ'; בַּיים גֶעמְבְּלֶען אִיז אוֹיךְ דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מַאכְן גֶעלְט, אָבֶּער בַּיים סוֹף כַאפְּן זֵיי אַ שְׁטַארְקֶע קְלַאפּ, זֵיי פַארְלִירְן אַלֶעס, זֵיי פַארְלִירְן זֵייעֶר אֵייגֶענֶע גֶעלְט אוּן יֶענֶעמְ'ס גֶעלְט, מֶען בָּארְגְט פוּן אַנְדֶערֶע, נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חוֹב.

וֶוער נִישְׁט פַארְבְּלֶענְדֶעט, אַז דוּ וֶועסְט הֶערְן פוּן דַיינֶע חֲבֵרִים אַז זֵיי מַאכְן גֶעלְט זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז דָאס אִיז סְתָּם אַן אוֹיג פַארְבְּלֶענְדֶענִישׁ; בַּיים סוֹף פַארְלִירְט מֶען דִי גַאנְצֶע גֶעלְט. גֶעדֶענְק דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רפד) דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט אַמָאל אֵיינֶער זָאל רַייךְ וֶוערְן דוּרְךְ עֶפֶּעס אַ וֶועג וְכוּ' אוּן מֶען מַאכְט אַ גַאנְצֶע עֵסֶק פוּן דֶעם, אַלֶע מֶענְטְשְׁן רֶעדְן פוּן דֶעם אוּן מֶען אִיז אִים מְקַנֵּא, אָבֶּער דָאס אִיז אַלֶעס אַ שְׁפִּיל פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם צוּ פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּן מֶענְטְשְׁן, דֶער רֶבִּי פִירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה מִיט דִי וֶוערְטֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אַלֶע אָפְּהִיטְן מִיר זָאלְן נִישְׁט פַארְדְרֵייְדְט וֶוערְן פוּן דֶעם".

אִיךְ בֶּעט דִיר נָאכְאַמָאל, שְׁטֵיי וַוייט פוּן דִי גַאנְצֶע עֵסֶק; עֶנְדֶערְשׁ נֶעם אָן וָואס דָא שְׁטֵייט וִוי אֵיידֶער זָאלְסְט מִיר דַארְפְן זָאגְן: "אַ שָׁאד אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט".

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"ש, קֶען מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער אַסַאךְ דִי שִׁיעוּרִים, אוּן דָאס גֶעבְּט מִיר דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְּן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן מוֹהֲרָא"ש וֶוערְן אַ פְּשׁוּט'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ צַדִיק אַזוֹי וִוי אִין דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת, קֶען מֶען דוּרְךְ דִי

עֵצוֹת פוּן מוֹהֲרָא"ש אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם? אוּן אוֹיב יָא, ווִי אַזוֹי?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס לֵיינְט זִיךְ פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ קוּקְסְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת, אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, דָאס אִיז פַאר פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן; אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי הָאט אַזַא כֹּחַ, עֶר הֵייבְּט אוּנְז אוֹיף צוּ דִי גְרֶעסְטֶע דַּרְגוֹת, צוּ דִי דַּרְגָּא פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי): "אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעלֶיגְן אַזוֹי טִיף אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ ווֵייס נִישְׁט צִי דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי אוּן דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ זֵיי מְתַקֵּן גֶעוֶוען מִיט אַ תִּיקוּן וָואס זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים"; וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וֶוערְט גֶעטוֹישְׁט מִקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה.

קוּק נָאךְ דִי שִׂיחוֹת אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן (מַעֲלַת הַמִּתְקָרְבִים אֵלָיו), וֶועסְטוּ זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין, אֲפִילוּ דֶער קְלֶענְסְטֶער מֶענְטְשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן שיב): "עִם הַקָּטָן שֶׁבְּאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ יִהְיֶה נַעֲשֶׂה עִמּוֹ בָּעוֹלָם מַה שֶּׁלֹּא נַעֲשָׂה עִם הַגָּדוֹל שֶׁבִּמְפוּרְסָמִים שֶׁל עַכְשָׁיו", מִיטְ'ן קְלֶענְסְטְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועט וֶוערְן וָואס וֶוערְט נִישְׁט פוּן דִי גְרֶעסְטֶע מְפֻרְסָמִים פוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן.

בַּאנוּץ זִיךְ מִיט דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט דִי עֵצָה ווִי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, מִיט דִי עֵצָה פוּן שִׂמְחָה, מִיט דִי עֵצָה צוּ גֶעדֶענְקֶען פוּן תַּכְלִית - וֶועסְטוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק; ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי עֵצוֹת, וֶועט עֶר נִישְׁט חֲרָטָה הָאבְּן, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנד): "אוֹיף צְוֵויי כִּיתּוֹת מֶענְטְשְׁן הָאבּ אִיךְ גְרוֹיס רַחְמָנוּת,

אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן יָא גֶעוִויסְט פוּן מִיר אָבֶּער הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אִיךְ וֵויים אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט לִיגְן מִיט דִי פוּס צוּם טִיר, דֶעמָאלְט וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ גְרוֹיס חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס עֶר אִיז נִישְׁט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ מִיר אוּן פַארְוָואס עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, וַוייל אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּ מִיר אוּן מִיךְ גֶעפָאלְגְט, וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דַרְגָּא אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס עֶר וָואלְט נִישְׁט צוּגֶעקוּמֶען דֶערְצוּ, אָבֶּער דֶעמָאלְט וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט נוּצְן, עֶס וֶועט שׁוֹין זַיין צוּ שְׁפֶּעט".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## זָאל מַיין וַוייבּ נֶעמֶען אַ בַּאגְלֵייטֶערְן בִּשְׁעַת שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר וַוארְטְן אוֹיף אַ שִׂמְחָה לְמַזָל טוֹב בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מַיין וַוייבּ זָאל נֶעמֶען אַ פְרוֹי, אַ בַּאגְלֵייטֶערְן, וָואס זָאל אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִין לוֹיף פוּן דִי צַייט, אוֹיסְלֶערְנֶען וָואס זִי דַארְף וִויסְן, אוּן אִיר שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט אוּן מְחַזֵק זַיין.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אוֹיבּ זִי זָאל נֶעמֶען עֶפִּידָארֶעל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וִויל הָאבְּן אַ פְרוֹי זָאל אִיר שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט וְכוּ' - זָאלְסְטוּ אִיר דָאס גֶעבְּן, טוּ אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט זִי זָאל זַיין רוּאִיג.

אויב די זַאךְ קוּמְט פוּן דִיר, דוּ טְרַאכְסְט אַז עֶס וֶועט זַיין גְרִינְגֶער זִי זָאל הָאבְּן אַ פְּרוֹי וָואס וֶועט רֶעדְן צוּ אִיר וְכוּ׳ - דֶעמָאלְט פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט, אַ שָׁאד דִי צַייט; מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט וִויסְן צוּ הָאבְּן אַ קִינְד, אַ קִינְד קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דִי פְּרוֹיעֶן וָואס רֶעדְן אוּן זֶענֶען מַסְבִּיר אִיז אַלֶעס דִמְיוֹנוֹת.

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען עֶפִּידָארֶעל; אַוַודַאי זָאל זִי נֶעמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיב דִי זַאךְ וָואס אִיךְ בֶּעט, אִיז גוּט פַאר מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק, עֶס גֶעבְּט מִיר גָאר אַסַאךְ צוּ אִין לֶעבְּן, פַאר מִיר אוּן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ הָאב גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, אוֹיב בֶּעט אִיךְ עֶפֶּעס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן אוֹיב עֶס אִיז גוּט פַאר מִיר אָדֶער נִישְׁט, אֶפְשָׁר בֶּעט אִיךְ אַ זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל נִישְׁט אִיךְ זָאל עֶס הָאבְּן?

לְמָשָׁל אוֹיב בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ דַארְף אַ סְמַארְטְפָאוֹן, אֶפְשָׁר וִויל נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל עֶס הָאבְּן. אוּן אֲפִילוּ אוֹיב בֶּעט אִיךְ יָא אַ גוּטֶע זַאךְ, אֶפְשָׁר וֵוייסְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי זַאךְ אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר. ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וִויסְן דִי זַאכְן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א׳, סִימָן רט): "כִּי יָדוּעַ שֶׁיֵּשׁ לְכָל אָדָם תְּפִלּוֹת רָעוֹת", יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גוּטֶע תְּפִילוֹת וָואס עֶר בֶּעט, אַזוֹי וִוי מִיר גֶעפוּנֶען, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת סג.): "גַּנָּבָא עַל מַחְתַּרְתָּא רַחֲמָנָא קָרְיָא", דֶער גַנָב אֵיידֶער עֶר בְּרֶעכְט זִיךְ אַרַיין בֶּעט עֶר אַ שְׁטִילֶע תְּפִלָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר דִי גְנֵיבָה זָאל זִיךְ גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט כַאפְּן, "נִמְצָא אַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹמֵד לְהִתְפַּלֵּל תְּפִלָּה הָרָאוּי לְהִתְפַּלֵּל, אֲזַי בָּא הַתְּפִלָּה רָעָה וּמְבַלְבֶּלֶת אוֹתוֹ", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וִויל דַאוֶונֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל בֶּעטְן אוֹיף גוּטֶע זַאכְן, קוּמֶען דִי נִישְׁט גוּטֶע תְּפִילוֹת אוּן שְׁטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ, "וְהַתִּקּוּן לָזֶה, הַכְנָסַת אוֹרֵחַ תַּלְמִיד חָכָם", דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם אִיז אַרַיינְצוּנֶעמֶען תַּלְמִידֵי חֲכָמִים בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב, אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין שְׁטוּב תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דֶעמָאלְט פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶעס, וַוייל דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס וָואס צוּ בֶּעטְן אוּן וִויאַזוֹי צוּ בֶּעטְן, דֶער צַדִּיק לֶערְנְט אוֹיס וָואס אִיז גוּט, וָואס אִיז וִויכְטִיג.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה אוּן צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, זַיין דָּבוּק צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן צוּ עֶרְלִיכֶע אִידְן, דוּ זָאלְסְט זַיין פְרֵיילִיךְ; אַז מֶען הָאט דָאס הָאט מֶען אַלֶעס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### אִיךְ בִּין גָאר טִיף אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַפָּאר בְּרִיוְון בְּעֶרֶךְ וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר, אִיךְ בִּין שׁוֹין נַיינְצְן יָאר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס וֶועט דָא זַיין. מַיינֶע יָארְן רוֹקְן זִיךְ אוּן דֶער יֵצֶר הָרָע

בְּרֶענְט אִין מִיר, עֶר וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ יֶעדְן טָאג זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה; אִיךְ טוּ עֶס כִּמְעַט אַ גַאנְצְן טָאג, וֶוען אִיךְ גֵיי אִין גַאס קוּק אִיךְ אִיבֶּערָאל אוֹיף פְּרוּיעֶן וְכוּ', אִיךְ גֶעבּ מִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה אִין מַיין לֶעבְּן, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ טֶעג וָואס אִיךְ לֵייג נִישְׁט קַיין תְּפִילִין אוּן אִיךְ דַאוֶוען נִישְׁט קַיין שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אוּן וֶוען אִיךְ דַאוֶוען שׁוֹין יָא אַמָאל, וִוי אַזוֹי קוּקְט עֶס לֵיידֶער אוֹיס...

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַסַאךְ מָאל אַרָאפְּגֶעלֵייגְט מַיין תְּפִילִין אִין דִי שֵׁיידְל אוֹיפְ'ן עֶרְד אוּן גֶעטְרָאטְן אוֹיף דֶעם, אִיךְ וַוארְף אַרָאפּ סְפָרִים אוּן אִיךְ צֶערַייס אַסַאךְ מָאל סְפָרִים וֶוען אִיךְ וֶוער אִין כַּעַס, אוּן וֶוען אִיךְ וֶוער אִין כַּעַס קֶען אִיךְ טוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן, אִיךְ זָאג אַסַאךְ אַרוֹיס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען, אַלֶע נֶעמֶען, אוּן אִיךְ שְׁוֶוער אִין זַיין נָאמֶען אוּן אִיךְ שֶׁעלְט אִים מִיט אַלֶע קְלָלוֹת.

אִיךְ רֶעד לֵיידֶער נִיבּוּל פֶּה גַאנְץ אַסַאךְ, אִיךְ עֶס אַפָּאר מָאל פְלֵיישִׁיג אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם מִילְכִיג אוּן פַארְקֶערְט אוֹיךְ, אִיךְ פַאל אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה אַז בְּיוֹם הַתַּעֲנִית, תִּשְׁעָה בְּאָב, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, צוֹם גְדַלְיָ', חוּץ יוֹם כִּיפּוּר - עֶס אִיךְ, אִיךְ הֵייבּ אָן צוּ פַאסְטְן אוּן אִינְמִיטְן לֵיידֶער קֶען אִיךְ זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן עֶסְן.

אִיךְ בִּין מְחַלֵּל שַׁבָּת, אִיךְ טְרָאג אִין שַׁבָּת, אִיךְ רַייכֶער אַפָּאר מָאל, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ הַאלְטְן גֶעלְט שַׁבָּת, אָנְצִינְדְן אַ לֶעקְטֶער וְכוּ', אוּן אִיךְ טוּ נָאךְ אַסַאךְ עֲבֵירוֹת, אִיךְ בִּין עוֹבֵר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת מִדְּאוֹרַיְתָא וּמִדְּרַבָּנָן, אִיךְ לִיג שׁוֹין אַזוֹי טִיף אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ טוּן עֲבֵירוֹת, בְּעִיקָר דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָלָה, וָואס אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְדְרֶעען פוּן דֶעם, וִויפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט אוּן אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת זַיין אַן עֶרְלִיכֶער חֲסִידִי'שֶׁער אִיד.

אִינְדְרוֹיסְן קוּק אִיךְ אוֹיס וִוי אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעעֶנְדִיגְט זִיבְּן מָאל מִשְׁנָיוֹת, מֶער וִוי טוֹיזְנְט מָאל תְּהִלִּים, שַׁ"ס הַאלְט אִיךְ אִינְמִיטְן מַסֶּכֶת יְבָמוֹת, אִיךְ בִּין עוֹסֵק אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אָבֶּער לֶעצְטְנְס גֵייט מִיר נִישְׁט קַיין תְּפִילִין, נִישְׁט קַיין דַאוֶוענֶען, נִישְׁט קַיין לֶערְנֶען וְכוּ', אַסַאךְ מָאל כַאפְּט מִיר אָן אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, לֵייג אִיךְ גֶעהֶערִיג תְּפִילִין אוּן אִיךְ דַאוֶוען אוּן אִיךְ לֶערְן וְכוּ', אִיךְ זָאג אַסַאךְ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ תַּקָּנָה אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועקְפָארְן, אוֹיבּ פָארְט מֶען קַיין אוּמַאן, וַוארְפְט מֶען גְלַייךְ אַרוֹיס פוּן יְשִׁיבָה.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה און אַ דֶרֶךְ ווי אַזוֹי אִיךְ קֶען זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד? אִיךְ וויל בֶּאֱמֶת זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַפְּאר מָאל קֶען אִיךְ וֵויינֶען ווייל אִיךְ קוּק אַזוֹי אוֹיס לֵיידֶער, אִיךְ גֶעב מִיר נִישְׁט קַיין עֵצָה מִיט מַיין אִידִישְׁקֵייט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פְּרֶעג נִישְׁט קַיין רְשׁוּת פוּן קֵיינֶעם; קוּם קַיין אוּמַאן, דֶער רֶבִּי וֶועט דִיר מְתַקֵּן זַיין.

דוּ קֶענְסְט נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף רְשׁוּת פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אָן אִים דֶערְצֵיילְן וֶוער דוּ בִּיסְט און וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער; עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים וְכוּ׳ וְכוּ׳; אִיךְ זָאג דִיר, אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, אוֹיף דַיין נְשָׁמָה און אוֹיף דַיין עָתִיד, פְּרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם קַיין רְשׁוּת, קוּם קַיין אוּמַאן.

קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט חָלוֹמְ׳ט נִישְׁט וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים; ווי שְׁוֶוער עֶס אִיז זֵיי, ווִי בִּיטֶער עֶס אִיז זֵיי, בִּפְרָט דִי וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווִי בִּיטֶער עֶס אִיז זֵיי. ווִיפִיל זֵיי ווִילְן זִיךְ אַרוֹיסְרַייסְן פוּן דִי עֲבֵירָה - פַאלְן זֵיי מֶער און מֶער אַרָאפּ, בִּיז זֵיי פַארְלִירְן דֶעם טַעַם פוּן לֶעבְּן, זֵיי טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן עֶנְדִיגְן דָאס לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

צוּ זֵיי קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי און ווייזְט זֵיי דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר ווייזְט זֵיי אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערִיבֶּער זֶעט מֶען ווִי אַלֶע בְּנֵי הַנְּעוּרִים קְלֶעבְּן זִיךְ צוּם רֶבִּי׳ן, דִי יוּגֶענְט ווִיל נָאר דֶעם רֶבִּי׳ן, ווייל נָאר דֶער רֶבִּי פַארְשְׁטֵייט זֵיי. וֶוען נִישְׁט דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרָע׳ס וָואס מֶען רֶעדְט צוּ זֵיי אִין יְשִׁיבוֹת און אִין כּוֹלְלִים וָואלְט שׁוֹין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי׳ן, ווייל נָאר דֶער רֶבִּי

פַארְשְׁטֵייט זַיי, דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זַיי.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר טַייעֶרעֶר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, קוּם קַיין אוּמַאן, קוּם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; עֶר וֶועט דִיר מְתַקֵּן זַיין, עֶר וֶועט דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דַיינֶע שְׁוֶוערֶע נְפִילוֹת. דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט קֵיינֶעם פְרֶעגְן קַיין רְשׁוּת, דוּ בִּיסְט אַ בִּיטֶערֶער רַחְמָנוּת, דוּ דַארְפְּסְט דֶעם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער זָאל דִיר הֵיילְן, דָאס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס; וָואס קֶען הֵיילְן יֶעדְן אֵיינֶעם, אֲפִילוּ דֶער וָואס אִיז שׁוֹין וַוייט אַוֶועקְגֶעפַאלְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנַיוֹת, הֵייבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת אִין אַ סֵדֶר, דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָּׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַּךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶעם שְׁמוּעֶס, אַז תּוֹרָה נֶעמְט אַרוֹיס פוּן עֲבֵירוֹת, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיבּ תּוֹרָה קֶען אוֹיךְ הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז נֶעבֶעךְ צוּגֶעוואוֹינְט צוּ טוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ וֶועט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג תּוֹרָה וֶועט עֶר אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דַארְפְסְט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי וֶוערְטֶער פוּן מִשְׁנַיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער; יֶעצְט הָאסְטוּ נִישְׁט קַיין קָאפּ, הָאסְט אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אַז דַיין קָאפּ אִיז נִישְׁטָא, זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן בַּיים סוֹף וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין.

נָאכְאַמָאל, קוּם קַיין אוּמַאן; פְרֶעג נִישְׁט קֵיינֶעם קַיין קַשְׁיוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין ווייבּ זָאל מַסְכִּים זַיין צוּ בְּרֶסְלֶב?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ שְׁטַארְק זִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ מְכַבֵּד זַיין מַיין ווייבּ, אָבֶּער זִי אִיז זֵייעֶר קֶעגְן בְּרֶסְלֶב, זִי צִיטֶערְט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט ווערְן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר שְׁטוּבּ, דֶערְפַאר רֶעדְן מִיר בִּכְלַל נִישְׁט אִיבֶּער דִי נוֹשֵׂא פוּן בְּרֶסְלֶב, וַוייל ווי נָאר עֶס קוּמְט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן טִישׁ, וֶוערְט זִי זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶס שְׁטֶערְט אִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז זִי דַארְף בִּכְלַל נִישְׁט ווִיסְן אַז אִיךְ בַּאקוּם חִיּוּת פוּן בְּרֶסְלֶב, הָאבּ אִיךְ דַאן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן ווֵיינִיגֶער אִינְדֶערְהֵיים פוּן בְּרֶסְלֶב, זִי זָאגְט אָבֶּער אַז עֶס הֶעלְפְט אִיר נִישְׁט, וַוייל זִי ווֵייסְט דֶעם אֱמֶת פוּן וואוּ מַיין חִיּוּת קוּמְט אוּן עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס בַּאהַאלְטְן, אוּן אַזוֹי מַאכְט זִיךְ כְּסֵדֶר אַז עֶס קוּמְט אַרוֹיף אוּן עֶס וֶוערְט אָנְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטוּבּ.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ אַן הָאפֶענוּנְג פַאר אוּנְז צוּ הָאבְּן אַן אֱמֶתְ'עֶ שָׁלוֹם בַּיִת. עֶס אִיז דָא בָּרוּךְ הַשֵּׁם שָׁלוֹם אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער אַלֶעס אִיז גוּט נָאר בִּיז עֶס קוּמְט צוּ בְּרֶסְלֶב, דָאס הֵייסְט אַז ווִילַאנְג זִי וֶועט נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן מַסְכִּים זַיין צוּ בְּרֶסְלֶב, וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין אֱמֶתְ'עֶ גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אוּנְז. זִי זָאגְט מִיר אַז זִי פַארְשְׁטֵייט אַז עֶס אִיז אִיר פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער עֶס זֶעט נִישְׁט אוֹיס ווִי דָאס גֵייט זִיךְ טוּישְׁן, אֲפִילוּ מִיט תְּפִלָּה.

אִיךְ הָאבּ גֶעקְלֶערְט צוּ רֶעדְן מִיט מַיין שְׁווִיגֶער, אַז זִי זָאל אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט מַסְבִּיר זַיין אַז מֶען דַארְף זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּם ווִילְן פוּנֶעם מַאן, וַוייל לְמַעֲשֶׂה רֶעדְט נִישְׁט מַיין ווייבּ מִיט קֵיינֶעם וֶועגְן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם, זִי עֶסְט זִיךְ נָאר בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט אִיר מַאמֶע אִיר קֶענֶען אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

איך פַארְשְׁטֵיי איר זֵייעֶר גוט, זי איז אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אין אַ פְּלַאץ וואו בְּרֶסְלֶב איז אָסוּר, און איך פַארְשְׁטֵיי אויך אַז כְּדֵי צו בַּאקוּמֶען די מַתָּנוֹת פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דַארְף עֶס קוּמֶען מִיט שְׁוֶועריקַייטְן און מְנִיעוֹת, און עֶס לוֹינְט זִיךְ, אָבֶער נָאכְאַלְץ טוט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גַאנְצֶע שָׁלוֹם בַּיִת בַּיי אוּנְז.

אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ב אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶעד נִישְׁט מִיט דַיין שְׁוִויגֶער, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן, עֶס וֶועט נָאר עֶרְגֶער מַאכְן; עֶס אִיז נִישְׁט כְּדַאי אַרַיין צוּ מִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן, עֶלְטֶערְן ווִילְן הֶערְן נָאר גוּטֶע גְרוּסְן. עֶלְטֶערְן הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶענוּג אִין לֶעבְּן דִי אַלֶע יָארְן וָואס זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעצוֹיגְן דִי קִינְדֶער בִּיז זֵיי זֶעעֶן זִיךְ שׁוֹין חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער, יֶעצְט דַארְפְן זֵיי נָאר נַחַת, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ גֵיין צוּ זֵיי, אַרַיינְמִישְׁן דִי עֶלְטֶערְן.

דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן קַיין תְּפִלָּה; וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין שְׁטוּבּ זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן. אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טַעֲנָה נִישְׁט מִיט אִיר, דוּ זֵיי שְׁטַארְק מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, זִי דַארְף נִישְׁט ווִיסְן אוֹיף וָואס דוּ בֶּעטְסְט, אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוֹישְׁן.

פִּיל שְׁוֶוערֶערֶע זַאכְן ווִי דָאס - קֶען מֶען טוֹישְׁן מִיט תְּפִלָּה; אַז דַיין וַוייבּ זָאל וֶועלְן נֶעמֶען דֶעם רֶבִּי'ן - אִיז נִישְׁט אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס קֶען גֶעשֶׁעעֶן אַ נֵס אִין אֵיין מִינוּט אַז זִי זָאל וֶועלְן דֶעם רֶבִּי'ן, זִי זָאל וֶועלְן אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

בֶּעט אוֹיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אַלֵיינְס, אַז דַיין גֶעפִיל בַּיים רֶבִּי'ן זָאל בְּלַייבְּן שְׁטַארְק; בֶּעט נִישְׁט נָאר פַאר אִיר, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מִיט דִי בְּרֶען און פְּלַאקֶער פוּן יֶעצְט. קֵיינֶער אִיז נִישְׁט

פַארְזִיכֶערְט, דֶער יֵצֶר הָרָע פַּארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן מֶענְטְשְׁן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר וֵוייסְט אַז כָּל זְמַן מֶען הַאלְט זִיךְ בַּיים רֶבִּי'ן הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן - וֶועט עֶר אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן"; זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז אַלֶע זָאלְן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אַלְץ זַיין פְּרִישׁ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט; דוּ רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין וַוייבּ, זַיי אִיר נִישְׁט מְצַעֵר, אִין אִיר קָאפּ אִיז בְּרֶסְלֶב גֶעפֶערְלִיךְ, גֵיי נִישְׁט אִין קַיין וִיכּוּחִים מִיט קֵיינֶעם אוּן זִיכֶער נִישְׁט מִיט אִיר; מִיט אִיר זָאלְסְטוּ שֵׁיין רֶעדְן, אַז זִי פְרֶעגְט דִיר זָאלְסְטוּ אִיר זָאגְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דִיר, דָאס אִיז דַיין לֶעבְּן אוּן דָאס גֵייסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

### וָואס מֵיינְט דָאס אַז מַיין זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן אוּנְזֶער וֶועג אוּן ווִיל פָּארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן זָאגְט מִיר אַז עֶר פָּארְט קַיין אוּמַאן, עֶר זָאגְט אַז דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן פָּארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען זֶענֶען נָאר מְנִיעוֹת, מֶען דַארְף אַלֶעס צֶעבְּרֶעכְן אוּן אִיבֶּערְקוּמֶען אוּן יָא פָּארְן קַיין אוּמַאן.

דָאס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת זֵייעֶר וֵויי, אוֹיבּ אִיךְ - זַיין טַאטֶע - ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל פָּארְן, בִּין אִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע?! קֵיינֶער קֶען גָארְנִישְׁט אַריינְרֶעדְן?! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין אוֹיטָארִיטֶעט אוֹיף אִים?! עֶר מֶעג טוּן וָואס עֶר ווִיל?!

אוּן נִישְׁט נָאר עֶר אַלֵיין, עֶר ווִיל נָאר אוֹיפְוַוייזְן פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה אַז יֶעדֶער לֶעבְּט אִין אַ טָעוּת, אַלֶעס אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי אֱמֶתְ'עֶ וֶועג; אִיז דָאס רִיכְטִיג? נִישְׁטָא קַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיז דָאס דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר וֶועג - אַוֶועקְמַאכְן יֶעדְן

אֵיינֶעם? קֵיינֶער אִיז נִישְׁט גוּט, נָאר זֵיי זֶענֶען גוּט?!

לֶעצְטְנְס אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען קוֹיפְן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע; אִיז דָאס אוֹיךְ בְּרֶסְלֶב? אַוֶועקְצוּוַוארְפְן דִי בְּגָדִים וָואס זַיין טַאטֶע הָאט אִים אָנְגֶעטוּן?

אִיךְ קוּק עֶס אָן ווִי סְתַּם פְּרִיקַת עוֹל, מֶען וויל אַרָאפְּוַוארְפְן פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן פוּן דִי רֶבִּי'ס אוּן זִיךְ זוּכְן נַייעֶ וֶועגְן, עֶס אִיז אַ פְּרִיקַת עוֹל מִיט אַ הֶכְשֵׁר לְמְהַדְרִין.

אֶפְשָׁר קֶען מִיר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה מַסְבִּיר זַיין וָואס דָא גֵייט פָּאר, אִיז טַאקֶע נָאר בְּרֶסְלֶב דִי וֶועג? וֶוער עֶס הַאלְט אַנְדֶערְשׁ אִיז דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן דֶער שָׂטָן אַלֵיין? אִיז דָא נָארְמַאלֶערֶע וֶועגְן ווִי אַזוֹי צוּ מֶעסְטְן אוּן וֶועגְן זַאכְן, אָדֶער מוּז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט זִיךְ אוּנְטֶערְבֵּייגְן פַאר בְּרֶסְלֶב?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס.

דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁאֵלָה וָואס דוּ פְרֶעגְסְט, דַיין זוּן זָאגְט דִיר אַז אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פְּרֶעגְסְטוּ אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט אוֹיךְ קוּמֶען קַיין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה; וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאכְדֶעם וָואס מֶען הֶערְט פוּן אַ צַדִּיק אֱמֶת ווִי עֶר זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו) אַז עֶר קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה; אֲפִילוּ דִי וָואס עֶר קֶען נִישְׁט מְתַקֵּן זַיין אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם פַארֶערְכְטְן; נָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבַּעֲיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין מַיין

רֹאשׁ הַשָּׁנָה און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַּאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענֶען תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, - אִיז דָאךְ אַ דָּבָר פָּשׁוּט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען.

אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַבִּיסְל אֱמוּנַת חֲכָמִים, וֶוען עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּן אַ צַדִּיק אֱמֶת - טְרַאכְט עֶר נִישְׁט קַיין סַאךְ, עֶר קוּמְט גְלַייךְ קַיין אוּמַאן, וֶוער דַארְף דֶען נִישְׁט אַ גְרוֹיסֶער לוֹיעֶר וָואס זָאל אִים פַּארְטֵיידִיגְן בַּיים יוֹם הַדִּין וֶוען מֶען אִיז אִים דַן, אִים מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה; זַיין לֶעבְן, דִי לֶעבְן פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, זַיין פַּרְנָסָה; אַלֶעס אַלֶעס אִיז מֶען דַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט קוּמֶען, דוּ פַּארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט דִי זַאךְ פוּן אוּמַאן - זָאלְסְטוּ אָבֶער נִישְׁט שְׁטֶערְן דַיין זוּן פוּן קוּמֶען; אַז דַיין זוּן ווִיל קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זָאלְסְטוּ אִים מְחַזֵּק זַיין, וַוייז אִים אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז עֶר ווִיל זַיין גוּט, עֶר זוּכְט אַ גוּטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי פוּן דִי פְרַאגֶע אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הֲנָאָה אַז דַיין זוּן צִיט צוּ בְּרֶסְלֶב, דוּ ווִילְסְט עֶר זָאל גֶעהֶערְן בַּיי דַיין חֲסִידוּת; ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דוּ מַאכְסְט אַ גְרוֹיסֶער טָעוּת; נִישְׁט נָאר דוּ, נָאר אַסַאךְ מַאכְן דֶעם טָעוּת מִיט דֶעם וָואס זֵיי רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר קִינְד וֶוען זֵייעֶר קִינְד גֵייט אוֹיף אַן אַנְדֶערֶע וֶועג ווִי זֵיי.

וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד צִיט צוּ אַ גוּטֶע פְּלַאץ, עֶר הֵייבְּט זִיךְ אָן דְרֵייעֶן מִיט אַ גוּטֶע חֲבוּרָה פוּן אַ גֶעווִיסֶע חֲסִידוּת, אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ יְשִׁיבָה פוּן אַן אַנְדֶערֶע אָפְּשְׁטַאם ווִי דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען - הֵייבְּן דִי טַאטֶעס אָן רוֹדְפְ'ן זֵייעֶר זוּן 'הֲיִתָּכֵן דוּ בִּיסְט מְשַׁנֶּה פוּן דִי דֶרֶךְ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן?' מֶען שְׁטֶעכְט אִים, מֶען מַאכְט חוֹזֶק, מֶען טְשֶׁעפֶּעט אִים אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאלְטְן פוּן דִי חֲסִידִים, אָדֶער פוּן דִי לִיטְווִישֶׁע וֶועג; מֶען סְטְרַאשֶׁעט דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף דִי וֶועג, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, בִּיז עֶס וֶוערְט אַ רִיזִיגֶער פַייעֶר אִין דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה און דִי עֶלְטֶערְן וֶוערְן קְרַאנְק פוּן דֶעם.

דָאס אִיז אַלֶעס פוּן קַטְנוּת הַדַעַת, מֶען טְרַאכְט נִישְׁט אַרַיין וָואס דָא פַּאסִירְט; דֶער טַאטֶע זָאל נָאר טְרַאכְטְן אֵיין מִינוּט אִין טָאג 'וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם גֵייט אַרוֹיס לְתַּרְבּוּת רָעָה? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען חַס וְשָׁלוֹם חַס וְשָׁלוֹם עֶר עֶסְט טְרֵיפוֹת אוּן אִיז מְחַלֵל שַׁבָּת וְכוּ' וְכוּ'? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד קוּמְט אַהֵיים מִיט לַאנְגֶע גְרוֹיסֶע הָאר וִוי אַ שֵׁד רַחֲמָנָא לִצְלָן? וָואס וָואלְט אִיךְ גֶעטוּן וֶוען מַיין קִינְד אַנְטְלוֹיפְט אִינְגַאנְצְן פוּן מִיר, אִיךְ גֵיי אִים שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זֶען, עֶר הָאט חֲתוּנָה מִיט גוֹיִם רַחֲמָנָא לִצְלָן? אַזוֹי וִוי מֶען הֶערְט לֵיידֶער אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי חָשׁוּבֶ'ע שְׁטוּבֶּער; יֶעצְט וֶוען מַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ, עֶס אִיז אַרַיין אִין אִים אַ רוּחַ טָהֳרָה, עֶר זוּכְט עֶפֶּעס פַאר זַיין נְשָׁמָה, עֶר דְרֵייְדט זִיךְ בַּיי אַ גֶעוִויסֶע חֲסִידוּת אָדֶער עֶר צִיט צוּ אַ לִיטְוִוישֶׁע יְשִׁיבָה וָואס שְׁטִימְט נִישְׁט מִיט מַיין מֹחַ, צוּלִיבּ דֶעם זָאל אִיךְ אִים רוֹדְפְ'ן אוּן אִים שְׁלָאגְן מַכּוֹת רֶצַח אוּן מַכּוֹת אַכְזָרִיּוּת?!' עֶס אִיז דָאךְ נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע שְׁטוּת פוּן דֶעם.

עֶלְטֶערְן דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה וֶוען זֵיי זֶעעֶן זֵייעֶר קִינְד וִויל זַיין גוּט, זֵיי דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זֵייעֶר קִינְד אִיז אַ אִיד אוּן וֶועט בְּלַייבְּן אַ אִיד, זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אַ קַדִּישׁ זָאגֶער נָאךְ זִיךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן דָאךְ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מט, ד): "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן יָגֵעַ בַּתּוֹרָה כְּאִלּוּ לֹא מֵת", וֶוער עֶס לָאזְט אִיבֶּער אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה, וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ מֶען אִיז נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן; וִוי גְלִיקְלִיךְ אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען עֶר לָאזְט אִיבֶּער קִינְדֶער וָואס גֵייעֶן עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער פְרֶעג אִיךְ דִיר, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זִיךְ מַאכְן אוּמְזִיסְטֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן צַעַר? דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט אַ זוּן וָואס חַבֶר'ט זִיךְ מִיט עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַ זוּן וָואס גֵייט אִין דִי וֶועג פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; לָאז אִים אָפּ, לָאז אִים גֵיין וואוּ זַיין הַארְץ צִיט אִים; עֶר גֵייט דָאךְ נָאר צוּ גוּטֶע פְּלֶעצֶער, עֶר וִויל זַיין אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ער חָסִיד, עֶר וִויל פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן בַּאקוּמֶען דֶעם תִּיקוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִים שְׁטֶערְן?!

דו פְרֶעגְסְט, אוֹיב אַ טַאטֶע לָאזְט נִישְׁט פָארְן זַיין זוּן קַיין אוּמַאן אוֹיב דֶער טַאטֶע וֶוערְט אַ חֵלֶק פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע? אַ גוּטֶע שְׁאֵלָה פְרֶעגְסְטוּ; דָאס אִיז זִיכֶער, אַז אַ טַאטֶע וָואס לָאזְט נִישְׁט זַיין קִינְד גֵיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה, וַוייל וָואס ווילְן דֶען עֶלְטֶערְן? נָאר נַחַת, זֶען ווי דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִין דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה; וָואלְטְן זֵיי גֶעדַארְפְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז זֵייעֶר זוּן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ הֵיילִיגֶע חַבּוּרָה. דוּ מֵיינְסְט אַז בְּרֶסְלֶב אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶע פְּלַאץ? בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים לֶעבְּן טָאג אוּן נַאכְט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי זֶענֶען זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע דוֹרוֹת.

אַזוֹי ווִי דִיר זֶענֶען דָא צֶענְדְלִיגֶער עֶלְטֶערְן וָואס עֶסְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ וֶוען זֵיי דֶערְוִויסְן זִיךְ אַז זֵייעֶר קִינְד גֵייט קַיין אוּמַאן אוּן דְרֵיידְט זִיךְ מִיט בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים, מֶען הַאקְט אָפּ מִיט דֶעם קִינְד, מֶען אִיז אִים מְבַזֶּה, מֶען פַארְגִיסְט זַיין בְּלוּט, אַלֶעס נָאר וַוייל עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד; דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין קִינְד אִיז עֶרְלִיךְ אוּן וואוֹיל, עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ.

בְּנוֹגֵעַ דִי בֶּעקִיטְשֶׁע וְכוּ׳; מִן הַסְּתָם וֵוייסְט נִישְׁט דַיין זוּן אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן דִי לְבוּשׁ פוּן דָאס וָואס מֶען גֵייט, אַלֶע קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן אַזוֹי ווִי זֵיי גֵייעֶן אָנְגֶעטוּן, נִישְׁטָא קַיין סְפֶּעצִיעֶלֶע וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אִין בְּרֶסְלֶב; אָבֶּער דִיר מוּז אִיךְ זָאגְן אַז דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף דַיין קִינְד, אַז מֶען טוּט זִיךְ אָן אַ גֶעבְּלוּמְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע אַנְשְׁטָאט אַ זַיידֶענֶע בֶּעקִיטְשֶׁע - וֶוערְט מֶען נָאכְנִישְׁט קַיין הֶפְקֵר יוּנְג; זָאלְסְט מִיר מוֹחֵל זַיין, דֶעם לָשׁוֹן וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז דָאס אִיז: "פְּרִיקַת עוֹל עִם הֶכְשֵׁר מְהַדְּרִין", דִי וֶועג ווִי אַזוֹי דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִידִישְׁקֵייט אִיז פַארְדְרֵיידְט.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע אוֹיב נָאר בְּרֶסְלֶב אִיז דִי וֶועג; אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, אָבֶּער אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע פְרַאגֶע, אוֹיב דִי מִתְנַגְּדִים וָואס

הַאלְטְן צוּרִיק פוּן מְקוּרָב וֶוערְן קַיין בְּרֶסְלֶב זֶענֶען כּוּלוֹ רַע, אוֹיף דֶעם וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן 'יָא'; דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן קֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דִי אַלֶע וָואס הַאלְטְן צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן – דִי אַלֶע זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק רַע. דֶער רֶבִּי זָאגְט שׁוֹין דָאס (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף, סִימָן מז): "הַנּוֹאֲפִים, לָרֹב הֵם מִתְנַגְּדִים לַצַּדִּיקִים", דִי בַּעֲלֵי עֲבֵירָה – זֵיי קְרִיגְן אוֹיף צַדִּיקִים; דָאס זֶעט מֶען נִישְׁט נָאר בַּיים רֶבִּי'ן נָאר אִין אַלֶע פְּלֶעצֶער אוּן אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נָאר בַּעֲלֵי עֲבֵירָה הָאבְּן דִי עַזּוּת צוּ רֶעדְן קֶעגְן צַדִּיקִים, אַוֶועק מַאכְן זֵייעֶרֶע וֶוערְטֶער.

אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**אִיבֶּערְגֵיין מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט מְסַיֵים גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל מַסֶכֶת תַּעֲנִית זָאלְסְטוּ נֶעמֶען מַסֶכֶת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דָאס אִיבֶּערְגֵיין הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל.

לֶערְן דָאס לִזְכוּת מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט פַאר דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה, זֵיי זָאלְן דָאס טוּן, אַזוֹי וֶועט מֶען אִים אַרוֹיפְטְרָאגְן הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ קַאלְטֶע זִיסֶע גֶעטְרַאנְק**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבֶ'עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תפה) תְּהִלִּים אִיז אַזוֹי וִוי אַ קַאלְטֶע זִיסֶע גֶעטְרַאנְק; אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים אִיז מֶען נִישְׁט דוּרְשְׁטֶערִיג, מֶען שְׁפִּירְט זַאט, מֶען בַּאקוּמְט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַבָּחוּר הַכַּר מִצְוָה ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָא הָאסְטוּ אַ מַתָּנָה ד׳ חֶלְקֵי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כט) אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג הֲלָכָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

פוּן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## וַוייל אִיךְ דַארְף אַייךְ, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַייךְ וָואס צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

פַארְוָואס זָאלְט אִיר זִיךְ צֶעבְּרֶעכְן אַז מֶען דַארְף אַייךְ נִישְׁט פַאר אַ טִיטְשֶׁער?

וַוייל אִיךְ דַארְף אַייךְ, דֶערִיבֶּער זָאג אִיךְ אַייךְ וָואס צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְן; וֶוען אִיךְ דַארְף אַייךְ וֶוען נִישְׁט - שְׁרַייב אִיךְ אַייךְ נִישְׁט וָואס אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְן.

שׁוֹין צַייט אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַייעֶר קַטְנוּת.

...

**אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, פַּאלְט מֶען נִישְׁט**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**אַ מַתָּנָה פַאר דִי חָשׁוּבֶ'עֶ תַּלְמִידָה ... תִּחְיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן צח) תְּהִלִּים אִיז אַ "מִשְׁעֶנֶת", אַן אוּנְטֶערְלַיינֶער; אַז מֶען זָאגְט תְּהִלִּים פַּאלְט מֶען נִישְׁט, מֶען קֶען אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן אִין אַלֶע מַצָּבִים.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אִיךְ וֶועל דִיר אַוַדַאי אִינְזִין הָאבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל דִיר אַוַדַאי אִינְזִין הָאבְּן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן; אִיךְ וֶועל בֶּעטְן פַאר דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁטַארְקֶע גֶעפִיל פַאר דִיר; בַּיי מִיר אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ פוּן מוֹהֲרָא"ש, וַוייל אִיךְ קוּם מַיין לֶעבְּן, מַיין וַוייבְּ'ס לֶעבְּן אוּן מַיינֶע קִינְדֶערְ'ס לֶעבְּן פַאר מוֹהֲרָא"ש; אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הַלְוַאי זָאל זַיין בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים ווִי דִיר**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אֶפְשָׁר קֶענְסְטוּ אַרִיבֶּער רוּפְן אֵיין טָאג דֶעם מְלַמֵּד ... עֶר זָאל זֶען

אַבִּיסְל וִוי אַזוֹי מֶען גֶעבְּט לִיבְּשַׁאפְט פַּאר קִינְדֶער; עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גֶעלוּנְגֶענֶער מְלַמֵּד, אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין חַיּוּת בַּיי אִים אִין כִּתָּה. אִיךְ הַאלְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הֶערְן וִוי אַזוֹי דוּ רֶעדְסְט מִיט דִי קִינְדֶער, דִי וַוארֶעמְקֵייט וָואס דוּ גִיסְט, דִי לִיבְּשַׁאפְט, דָאס פַּארְגִינֶען; יֶעדֶער קִינְד אִיז אַ צַדִּיק, יֶעדֶער קִינְד אִיז טֵייעֶר, יֶעדֶער קִינְד אִיז דֶער בֶּעסְטֶער - וֶועט עֶר קֶענֶען אַבִּיסְל מַשְׁפִּיעַ זַיין פַּאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דוּ גֶעדֶענְקְסְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי מֶענְדְל וִויטֶעבְּסְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָנְגֵיין, הָאט אִים זַיין רֶבִּי דֶער גְרוֹיסֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט: "מֶענְדְל מֶענְדְל, וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס, יֶעדְן מֶענְטְשׁ וֶועם דוּ זֶעסְט - בִּיסְטוּ מֶער פוּן אִים"; דָאס זֶעלְבֶּע זָאג אִיךְ דִיר, יֶעדֶער מְלַמֵּד וֶועם דוּ זֶעסְט - בִּיסְטוּ מֶער.

דוּ וֵוייסְט אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁטָא קַיין חֲנוּפָה, אִיךְ זָאג וָואס אִיךְ הַאלְט, אוֹיב דַארְף מֶען עֶפֶּעס זָאגְן - זָאג אִיךְ; אִיךְ בִּין נִבְהָל וְנִשְׁתּוֹמֵם פוּן דִי וַוארֶעמְקֵייט אוּן לִיבְּשַׁאפְט וָואס דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער.

הַלְוַאי זָאל זַיין בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל נָאךְ אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים וִוי דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז מֶען אִיז אַרַיין אִין קָאנְטְרַאקְט אוֹיפְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן פַּאר קֶרֶן הַדְפָּסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז מֶען אִיז אַרַיין אִין קָאנְטְרַאקְט אוֹיפְ'ן נֵייעֶם בִּנְיָן

אִין לִיבֶּערְטִי פַּאר דִי קֶרֶן הַדְפָּסָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן פוּן דֶעם בִּנְיָן זָאל אַרוֹיסְגֵיין אַ לִיכְט פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מֶען זָאל דְרוּקְן דִי סְפָרִים, קוּנְטְרֵסִים אוּן גִלְיוֹנוֹת אָן קַיין אוֹיפְהֶער.

אִיךְ ווִיל מֶען זָאל אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִי הַנְהָלָה פוּן קֶרֶן הַדְפָּסָה הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען ווִיל מַאכְן, סַיי נֵייעֶ זַאכְן אָדֶער אַלְטֶע זַאכְן וְכוּ׳ – זָאל מֶען זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן אִינְאֵיינֶעם אַלֶע חַבְרֵי הַנְהָלָה.

מַאךְ זִיכֶער עֶר זָאל זַיין לֶעגַאל אֵיינֶער פוּן דִי בָּארְ״ד מֶעמְבֶּערְ״ס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט פוּנֶעם אֶתְרוֹג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״א אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

לֵייג אַרַיין אִין דִי קוּנְטְרֵס עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּאר קִינְדֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת דִי מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיים רֶבִּי׳ן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת שְׁנַת תק״ע, וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן וֶוען מֶען הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַן אֶתְרוֹג פַּארְ׳ן רֶבִּי׳ן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט פַּאר דְרֵיי טֶעג דִי וֵוייטָאג פוּן זַיין מַחֲלָה (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן קכה).

מַאךְ אַ בִּילְד ווִי דֶער רֶבִּי הַאלְט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע אֶתְרוֹג אוּן בַּיי דִי זַייט שְׁטֵייעֶן דְרֵיי מֶענְטְשְׁן מִיט פַּייפֶערְס, אוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט טַאנְצְן צְוֵויי מֶענְטְשְׁן, ווִי זֵיי כַאפְּן זִיךְ אָן בַּיי דִי אַקְסְלֶען.

אַז דֶער בִּילְד אִיז גוּט אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְט – גֶעדֶענְקֶען דִי קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פַּאר לַאנְגֶע יָארְן.

דָא הָאסְטוּ דִי מַעֲשֶׂה גֶעשְׁרִיבְּן פַּאר קִינְדֶער:

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד׳ מִינִים, מִיר הָאבְן אַן אֶתְרוֹג, אַ לוּלָב, הֲדַסִּים אוּן עֲרָבוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַּאר שִׂמְחָה אַז מִיר קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דֶעם ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קִינְדֶער, וֶוער ווִיל הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג דִי יָאר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים? קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁנַת תק"ע, אַ יָאר פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְּקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי לוּנְגֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים, אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט אִיז נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא קַיין אֵיין אֶתְרוֹג אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט; וואוּ מֶען גֵייט הֶערְט מֶען מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "וָואס וֶועט זַיין? נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים! אוֹי וַויי, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, וָואס וֶועט זַיין?!" אַלֶע הָאבְן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס עֶס זָאל זַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֶתְרוֹגִים; מֶענְטְשְׁן הָאבְן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט, מֶען הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג.

אוֹיף פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נֵס אַז מֶען הָאט דִי ד' מִינִים. פַאר גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי יְסוּרִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק; דִי שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא אַן אֶתְרוֹג - הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן אַלֶע יְסוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעפַאלְן וְכוּ׳ - מֵיינְט נִישְׁט אַז אַלֶע זֶענֶען אַזוֹי; עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז אַלֶע שִׁידוּכִים וָואס מֶען רֶעדְט פַאר דִיר זֶענֶען אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע.

הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, מִיר דַארְפְן טוּן דֶעם רָצוֹן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן - דַארְף מֶען חֲתוּנָה הָאבְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף הָאבְּן קִינְדֶער - דַארְף מֶען טוּן דִי מִצְוָה, מֶען דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

וָואס אִיז גֶעוֶוען אִיז גֶעוֶוען, קוּק נִישְׁט צוּרִיק, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דַיין עָבַר, פוּן דַיין עֶרְשְׁטֶע זִיווּג; יֶעצְט אִיז צַייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן אַזוֹי וִוי דִי תּוֹרָה זָאגְט.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג אוּן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים זָאלְן אַוֶועק גֵיין.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַז דוּ וֶועסְט אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְטוּן תְּפִילִין יֶעדְן טָאג וֶועסְטוּ בַּאקוּמֶען כֹּחַ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת מד:): ״כָּל הַמֵּנִיחַ תְּפִילִין מַאֲרִיךְ יָמִים״, וֶוער עֶס לֵייגְט תְּפִילִין - לֶעבְּט אַ לַאנְגֶע לֶעבְּן, אַ גוּטֶע לֶעבְּן; דוּ לֵייגְסְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין וַוייל דוּ הָאסְט נֶעכְטְן נִישְׁט גֶעלֵייגְט, אוּן נֶעכְטְן הָאסְטוּ נִישְׁט

גֶעלֵייגְט וַוייל דוּ הָאסְט דִי גַאנְצֶע פָּארִיגֶע וָואךְ נִישְׁט אָנְגֶעטוּן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִילִין, אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער וָואכְן אוּן חֲדָשִׁים וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אַז דוּ טוּסְט נִישְׁט אָן קַיין תְּפִילִין.

אַז דוּ וֶועסְט אָנְטוּן תְּפִילִין וֶועט זִיךְ אַלֶעס טוּישְׁן; דוּ וֶועסְט צוּרִיק הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַלֶעס וֶועט וֶוערְן צוּרִיק גוּט.

טוּ יֶעצְט אָן תְּפִילִין אֲפִילוּ עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט נָאכְמִיטָאג, אוּן זָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין, בֶּעט אִים מְחִילָה; בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה דַיינֶע.

נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אוֹיךְ נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה לִיגְן אַלֶע סְגוּלוֹת, אַלֶע רְפוּאוֹת אוּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַלְס כַּלָה דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זָאגְן נָאךְ מֶער תְּהִלִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ג אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

... תְּחִיֶ׳, מַאנְטְשֶׁעסְטֶער

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ בַּיִת נֶאֱמָן בְּיִשְׂרָאֵל מִיט עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת.

יֶעצְט זָאלְט אִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ זָאגְן תְּהִלִים נָאךְ מֶער פוּן וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶועזְן אַ מֵיידְל; יֶעצְט קוּמְט צוּ צֶענְדְלִיגֶער זַאכְן אוֹיף וָואס צוּ בֶּעטְן, בִּיז יֶעצְט הָאט אִיר גֶעבֶּעטְן פַאר אַ שִׁידוּךְ, יֶעצְט דַארְפְט אִיר בֶּעטְן אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, קִינְדֶער, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**אַן אֵייגֶענֶעם צֵייטוּנְג וָואס זָאל זַיין נָאר פוּן אֱמוּנָה**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אוּמַאן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן וִוי שֵׁיין דוּ הָאסְט גֶעמַאכְט דֶעם "קִרְיַת בְּרֶסְלֶב בְּלֶעטְל"; פוּן אַ בְּלֶעטְל אִיז גֶעוָוארְן אַ צְוַוייגְל. אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט עֶס מַאכְן גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער בִּיז עֶס וֶועט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער בוֹים, אַ צֵייטוּנְג.

אִיךְ פַאר מִיר, לְכְשֶׁלְעַצְמִי - דַארְף אִיךְ נִישְׁט קַיין צֵייטוּנְג, אָבֶּער אִיךְ זֶע אַז אַלֶע לֵיינֶען, עֶס קוּמְט שַׁבָּת זֶעצְט מֶען זִיךְ אַרָאפּ לֵיינֶען, מֶען קוֹיפְט זִיךְ צַאם בֶּערְג לֵיין מַאטְרִיַאל וָואס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, בִּפְרַט דִי פְרוּמֶע אוֹיסְגַאבֶּעס וָואס אִיז אַיינְגֶעוִויקֶלְט מִיט חֲסִידוּת וְכַדוֹמֶה, עֶס זֶעט אוֹיס אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן - דָאס אִיז זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ. ווִיל אִיךְ זֵייעֶר מִיר זָאלְן הָאבְּן אַן אֵייגֶענֶעם צֵייטוּנְג וָואס זָאל זַיין מֵרֵישָׁא וְעַד גְּמִירָא נָאר פוּן אֱמוּנָה, נָאר פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן פוּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ ווִיל דִיר מְכַבֵּד זַיין מִיט פָּארְזָאגְן סְלִיחוֹת עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אוֹיךְ מַעֲרִיב בֵּיידֶע נֶעכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט דַאוֶונֶען שֵׁיין שְׁטַייטְלִיךְ. אַ גַאנְץ יָאר דַאוֶונְט מֶען וִוי מֶען דַאוֶונְט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס אוּן שַׁבָּת בַּייטָאג דַארְף מֶען דַאוֶונֶען אַבִּיסְל שְׁטַייטֶער, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּפּוּרִים, וֶוען אַלֶע ווִילְן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט יָאר, דַארְף מֶען דַאוֶונֶען אַבִּיסְל שְׁטַייטֶער; אוֹיךְ מִיט שֵׂכֶל, נִישְׁט סְתַּם צִיעֶן דִי נֶערְוֶון, אָבֶּער נִישְׁט כַּאפֶּעדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אוּנְזֶערֶע תְּפִילוֹת אוּן אַלֶע תְּפִילוֹת פוּן כְּלַל יִשְׂרָאֵל זָאלְן אַרוֹיפְגֵיין אוּן אָנְגֶענוּמֶען וֶוערְן בְּרַחֲמִים וּבְרָצוֹן.

בְּנוֹגֵעַ בַּעֲלֵי תְּפִילוֹת יוֹם כִּפּוּרִים אִין שְׁטֶעטְל; וֶועל אִיךְ רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### נֶעם זִיךְ פָאר בַּיים צִיוּן אַ שְׁטַארְקֶע גוּטֶע קַבָּלָה לִזְכוּת דַיין שִׁידוּךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מַיין הַארְץ פְּלַאצְט פַאר דִיר אַז דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט דַיין שִׁידוּךְ, דַיין מִשְׁפָּחָה הַאלְט מִיר פָאר הֲיִתָּכֵן אִיךְ טוּ נִישְׁט פַאר דִיר, אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ פַאר דִיר; מָה אוֹמַר לְךָ, אִיךְ קֶען עֶפֶּעס מַאכְן שִׁידוּכִים? אֵיין זַאךְ וָואס אִיךְ קֶען טוּן, אִיךְ בֶּעט יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג פַאר דִיר, הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר, אִיךְ הַאלְט עֶס נִישְׁט אוֹיס.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֵיין צוּם צִיוּן אוּן דָארְט וֵויינֶען צוּם רֶבִּי'ן עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן; גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן צִיוּן בִּיז דוּ שְׁפִּירְסְט אַז דוּ הָאסְט גֶע'פּוֹעֵל'ט. מַאךְ אַ גֶעשֶׁעפְט מִיט'ן רֶבִּי'ן, נֶעם זִיךְ פַאר בַּיים צִיוּן אַ שְׁטַארְקֶע גוּטֶע קַבָּלָה וָואס דוּ גֵייסְט טוּן, אָדֶער עֶפֶּעס אִין סוּר מֵרָע וָואס דוּ גֵייסְט נִישְׁט טוּן לִזְכוּת דַיין שִׁידוּךְ אוּן שְׁטַארְק זִיךְ בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה אַז דוּ וֶועסְט צוּרִיק קוּמֶען דִי אַנְדֶערֶע יָאר מִיט אַ טַלִּית.

בֶּעט פַאר גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, בֶּעט פַאר דִי גְאוּלָה כְּלָלִיּוּת, מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דֶעם בִּיטֶערְן גָלוּת.

...

### מְסַדֵר זַיין אַ חֵדֶר פַאר דִי קִינְדֶער אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁשִּׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ"ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן, אוּמַאן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אַלֶע מְנִיעוֹת, מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - נָאךְ אַזוֹיפִיל מְנִיעוֹת, נָאךְ אַזוֹיפִיל גַעֲגוּעִים

און כְּסוּפִים. מֶען קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טוּעֶן, וִויפִיל מְסִירוּת נֶפֶשׁ מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אָנְצוּקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

אַ גַאנְץ יָאר בִּיסְטוּ אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ בִּיסְט אַ גֶעטְרֵייעֶר מְלַמֵד, דִי קִינְדֶער הָאבְּן דִיר אַזוֹי לִיבּ; דוּ הָאסְט אַ גֶעפִיל פַאר דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן דִיר לִיבּ, וְויל אִיךְ דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן, דִי פָּאר טֶעג וָואס מִיר זֶענֶען אִין אוּמַאן זָאלְסְט מְסַדֵר זַיין אַ חֵדֶר פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער. מִיר הָאבְּן דִי יָאר אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאר מִיט דִי קִינְדֶער, וְוי שְׁוֶוער עֶס אִיז, וְוי שְׁטַארְק דִי קָאפּ וֵויי אִיז - קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט.

בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, נֶעם צַאם אַלֶע קִינְדֶער פוּן מָארְגְן עֶרֶב שַׁבָּת, מַאךְ מִיט זֵיי אַ סֵדֶר פַאר אַפָּאר שָׁעָה. הֵייבּ אָן מִיט דַאוְוענֶען, דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים, זָאג מִיט זֵיי דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט גֵיין מִיט זֵיי צוּם צִיּוֹן, עֶס מוּז נִישְׁט זַיין דַוְקָא אִינֶעם צִיּוֹן, קֶענְסְט גֵיין אַרוּם דֶעם צִיּוֹן, לֶערְן מִיט זֵיי וְוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פָּאר תְּפִילּוֹת און זֵיי זָאלְן דִיר נָאכְזָאגְן.

אוֹיבּ דוּ דַארְפְסְט הִילְף, נָאךְ מְלַמְדִים, זָאג מִיר; אִיךְ וֶועל זֵיי אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין.

טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בַּיי מִיר אִיז דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט - דִי קִינְדֶער. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מב, ג): "אִם אֵין גְּדָיִים אֵין תְּיָשִׁים", עֶס אִיז גְרִינְגֶער וֶוען מֶען בְּרֶענְגְט אוֹיף דִי קִינְדֶער לְכַתְּחִלָּה אַרִיבֶּער, מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הַקְדָמוֹת, וְוי זִיךְ מוּטְשֶׁען שְׁפֶּעטֶער.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען מִיט זֶעקְס זוּן קַיין עַיִן הָרָע, מֶען הָאט אוּנְז אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרָאקְן פוּן פָארְאוֹיס אַז מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען קוּמֶען, בָּרוּךְ ה׳ מִיט תְּפִלָּה זֶענֶען מִיר אָנְגֶעקוּמֶען.

יֶעצְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין אִין אוּמַאן דַארְף מֶען פוּן פְּרִישׁ מְקוּרָב וֶוערְן, מֶען דַארְף הָאבְּן שֵׂכֶל אוֹיסְצוּנוּצְן דִי צַייט, גֵיין צוּם צִיּוּן מִתְפַּלֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, סַיי פַאר זִיךְ אוּן סַיי פַאר דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי צוּם צִיּוּן זָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים. גֶעבּ קוֹדֶם אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּת דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא, זָאג דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן רכה): ״אֲפִילוּ אִם עָצְמוּ וְגָבְרוּ פְּשָׁעָיו וַחֲטָאָיו״, אֲפִילוּ מֶען הָאט גֶעטוּן גְרוֹיסֶע בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת, וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה טוּן, בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצוּעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דִיר בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּ אִים. זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט יָאר, אַ יָאר פוּן גֵיין דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אַ יָאר פוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, אַ יָאר פוּן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת.

מַאךְ אַ גֶעשֶׁעפְט מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, זֵיי זִיךְ מְקַבֵּל אַ גוּטֶע קַבָּלָה בַּיים צִיּוּן, וֶועט דֶער רֶבִּי דִיר גֶעבְּן נִיסִים.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַ שָׁאד דִי לֶעבְּן זָאל צֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן צוּלִיבּ אַ שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז פַארְדְרֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דֶעם בְּרִיוו פוּן אוּמַאן, אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אִיבֶּער אַ סֶענְסֶעטִיוֶוער עִנְיָן, בְּנוֹגֵעַ אַייעֶר שְׁוֶועסְטֶער ...

פוּן אֵיין זַייט קֶען אִיךְ אַייךְ נִישְׁט אַיינְטֵיילְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען אַייךְ נִישְׁט זָאגְן ׳רֶעד נִישְׁט מִיט אִיר׳, פוּן דִי צְוֵוייטֶע זַייט שְׁפִּיר אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף אַייךְ זָאגְן וָואס אִיז גוּט פַאר אַייךְ. עֶס אִיז נִישְׁט גוּט אִיר זָאלְט רֶעדְן מִיט אִיר, זִי אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְדְרֵייט, אִירֶע מֵיינוּנְגֶען זֶענֶען זֵייעֶר שֶׁעדְלִיךְ, זִי קֶען אַייךְ חָרוּב מַאכְן אַייעֶר לֶעבְּן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ פוּן מַיין הַארְץ, הֶערְט אוֹיס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אִינְטֶערֶעסֶע נָאר אַז אַייעֶר לֶעבְּן זָאל זַיין גוּט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹיפִיל גֶעפְּלָאגְט אַייךְ חֲתוּנָּה צוּ מַאכְן, אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבְּן אַ טֵייעֶרֶער תַּלְמִיד, אַ וואוֹילֶער, אַ בַּעַל מִידוֹת; אִיךְ ווִיל נָאר עֶנְקֶער גוּטְס.

נֶעמְט אָן מַיינֶע וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ אִינְמִיטְן דִי נַאכְט בַּיים רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, אַ שָׁאד אַייעֶר לֶעבְּן זָאל צֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן צוּלִיבּ דִי שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז אַזוֹי פַארְדְרֵייט מִיט שֶׁעדְלִיכֶע מֵיינוּנְגֶען.

אִיךְ הָאף דִי וֶוערְטֶער וָואס גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן מַיין הַארְץ וֶועט אַרַיינְגֵיין אִין אַייךְ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### אַז מֶען גְלֵייבְּט, בַּאקוּמְט מֶען דִי יְשׁוּעָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת נִצָּבִים, כ״ו אֱלוּל, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

דֶעם בְּרִיוו שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ פוּן אוּמַאן. מַיין וַוייבּ זָאגְט מִיר אַז אִיר

זֶענְט זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, אִיר זָאגְט אַז אַייעֶר מַאן הָאט אַייךְ שׁוֹין צוּגֶעזָאגְט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר אַז עֶר גֵייט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פוּן אוּמַאן, אוּן נָאכְאַלֶץ וַוארְט אִיר אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, אִיר טְרַאכְט אַז אִיר וֶועט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ פוּן אוּמַאן, וְויסְן זָאלְט אִיר אַז מֶען דַארְף הָאבְן אֱמוּנָה, מֶען דַארְף גְלֵייבְן אַז תְּפִלָּה הֶעלְפְט, גֵיין צוּ צַדִיקִים הֶעלְפְט, בִּפְרַט קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעלְפְט; דָאס וָואס מֶען וַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה אִיז נָאר פַאר דִי טוֹבָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

אִיךְ גְלֵייבּ אַז אִיר גֵייט הָאבְן אַ יְשׁוּעָה, אִיךְ בִּין הַיינְט גֶעוֶוען בַּיים צִיוּן אוּן אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ אוּן פַאר אַייעֶר מַאן, אָבֶּער וְויסְן זָאלְט אִיר אַז מֶען דַארְף הָאבְן אֱמוּנָה, אֱמוּנָה אִיז דִי כֵּלִי מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין, אוֹיבּ מֶען בֶּעט אַ בְּרָכָה פוּן אַ צַדִיק אוּן דֶער צַדִיק וואוּנְטְשְׁט, אוֹיבּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט נִישְׁט "אָמֵן", אִיז נִישְׁטָא דִי פְּלַאץ וואוּ דִי בְּרָכָה זָאל חָל זַיין, וֶוען מֶען זָאגְט "אָמֵן", מֶען גְלֵייבְּט - דֶעמָאלְט קוּמְט דִי יְשׁוּעָה.

דִי אַלֶע וָואס קוּמֶען צוּם צַדִיק אוּן זָאגְן "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין בַּאקוּמֶען אַזוֹיפִיל מָאל הַבְטָחוֹת אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען", זֵיי הָאבְן טַעֲנוֹת; דָאס אִיז דִי אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעם, זֵיי דַארְפְן גְלֵייבְן.

אִיר וֶועט הָאבְן אַ יְשׁוּעָה וַוייל אִיךְ גְלֵייבּ אַז אִיר וֶועט שׁוֹין גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

### יֶעצְט דַארְפְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, כ"ט אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' הָאט מִיר גֶערוּפְן דֶערְצֵיילְן, זִי הָאט גֶעהֶערְט אַז דוּ

הָאסְט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן פַאר אַ פָּאר שָׁעָה דַיין פַּאסְפָּארְט, דוּ הָאסְט פַארְפַּאסְט דִי פְלִיגֶער אוּן דוּ בִּיסְט זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, גָארְנִישְׁט קֶען דִיר נִישְׁט פְרֵיילִיךְ מַאכְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר, אִיךְ וָואלְט אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן נָאכְן וַוארְטְן אַ גַאנְץ יָאר צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, זֶען פַאר דִי אוֹיגְן ווִי דִי פְלִיגֶער פָארְט אַוֶועק...

ווִיל אִיךְ דִיר מְחַזֵק זַיין. גֶעדֶענְק, אוֹנֶס רַחֲמָנָא פּוֹטְרֵי׳, דוּ בִּיסְט אַן אוֹנֶס; יֶעצְט דַארְפְסְטוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן - זַיין פְרֵיילִיךְ; וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ דָאס אִיז פַאר דִיר אָפְּצוּקוּמֶען אוּן גֶעהָאלְפְן וֶוערְן.

זוּךְ אַ מִנְיָן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים אִין דַיין שְׁטָאט, וֶועט דָאס וֶוערְן גֶערֶעכְנְט ווִי דוּ בִּיסְט אִין אוּמַאן.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן דוּ בֶּעט פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רֵיצָא רֶעכִיל.

...

## עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט קוּמֶען אֵיין יָאר, צוּ קֶענֶען קוּמֶען אַסַאךְ יָארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, כ״ט אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן

**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער שְׁוָואגֶער ...**

זַיי נִישְׁט בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטוּב, בִּיסְט נִישְׁט גֶעקוּמֶען קַיין אוּמַאן; דוּ דַארְפְסְט דָאךְ הָאבְּן יֶעצְט וְכוּ׳, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן (שַׁבָּת קנא:): ״חַלֵּל עָלָיו שַׁבָּת אֶחָד כְּדֵי שֶׁיִּשְׁמֹר שַׁבָּתוֹת הַרְבֵּה״; עֶנְדֶערְשׁ צֶעשְׁטֶער אֵיין יָאר כְּדֵי דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוּמֶען אַלֶע יָארְן דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זַיי פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כא).

אוֹיבּ דוּ הָאסְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג עֶרְגֶעץ אַ מִנְיָן פוּן צֶען מֶענְטְשְׁן

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס גְלֵייבְּן אִין רֶבִּי׳ן זָאלְסְטוּ אַהִינְגֵיין דַאוְֶועֶנְען מִיט זֵיי אוּן זֵיי פְּרֵיילִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מְשַׁמֵּשׁ דֶעם רֶבִּי׳ן, דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין הַדְפָּסָה; דוּרְךְ דַיין אַרְבֶּעט קֶען מֶען מְקַרֵב זַיין טוֹיזְנְטֶער אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ גוּט יוֹם טוֹב.

אִיךְ הָאבּ דִיר אִינְזִין בַּיים רֶבִּי׳ן.

...

## וואוּ צֶען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אִינְאֵיינֶעם דַאוְֶועֶנֶען, אִיז דָארְט דֶער קִיבּוּץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, כ״ט אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, פֹּה אוּמַאן אֵצֶל צִיּוּן רַבֵּינוּ

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי נִישְׁט בְּצַעַר וּבְעַצְבוּת אַז דוּ בִּיסְט גֶעבְּלִיבְּן אִין אַמֶערִיקֶע, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט קוּמֶען.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פּוֹטְרֵי׳, בִּיסְט דָאךְ אַן אוֹנֵס; זֶע צוּ דַאוְֶועֶנֶען מִיט אַ מִנְיָן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וואוּ צֶען מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אִינְאֵיינֶעם דַאוְֶועֶנֶען - אִיז דָארְט דֶער קִיבּוּץ. אַוַודַאי דַארְף מֶען קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אָבֶּער אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן לַאנְד - בִּיסְטוּ פָּטוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט וַוייטֶער עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס לִימוּדִים פַאר דִי וֶועלְט; עֶס זָאל זַיין תְּ׳הֵא שְׁ׳נַת פִּ׳רְסוּם בְּ׳רֶסְלֶב.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**זֶע צוּ דַאוֶנֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וֶועסְטוּ זַיין בַּיים קִיבּוּץ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ, כ״ט אֱלוּל, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן שְׁרַייבְּן בְּרִיווּ, יֶעצְט אִיז עֶרֶב יוֹם טוֹב, עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר אַפָּאר וֶוערְטֶער פַאר חִיזוּק.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי פְרֵיילִיךְ, זַיי נִישְׁט בְּעַצְבוּת, אוֹנֵס רַחֲמָנָא פּוֹטְרֵי׳; דוּ זֶע צוּ דַאוֶנֶען מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ - וֶועסְטוּ זַיין בַּיים קִיבּוּץ.

וֶוער נָאךְ אִיז אַזוֹי נָאנְט צוּם רֶבִּי׳ן וְוִי מֵפִיצִים, דוּ בִּיסְט בַּיים רֶבִּי׳ן; זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳ צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע לַאנְד לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ׳ן אַהֶערְשְׁטֶעלְן אַזַא שֵׁיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקּוֹדֶשׁ טוּ אִיךְ דִיר דַאנְקֶען אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, אַלֶע זָאגְן פֶּה אֶחָד אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אַזַא שֵׁיינֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִינֶעם בִּנְיָן מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען קַיין אוּמַאן שׁוֹין אַסַאךְ יָארְן, אַלֶע זָאגְן אַז זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעהַאט אַזַא הֶערְלִיכֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נִישְׁט אַלֶע וֵוייסְן וִויפִיל אַרְבֶּעט עֶס לִיגְט אִין אַהֶערְשְׁטֶעלְן דֶעם בִּנְיָן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז עֶס לִיגְט אַרְבֶּעט פוּן אַפָּאר וָואכְן, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט אַז יֶעדְן טָאג אִינֶעם יָאר אַרְבֶּעטְן מִיר פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ טָאג וָואס מִיר זָאלְן נִישְׁט טוּן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה; דֶער זְכוּת

זָאל דִיר בַּאשְׁטֵיין - פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן פַאר דַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

בְּעִיקָר אוֹיף וָואס אִיךְ דַאנְק דִיר, אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אַז דִי יָאר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי בַּאנֶעמוּנְג צוּם עוֹלָם; מֶען הָאט מֶער אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן צוּ רֶעדְן שֵׁיין, נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, נִישְׁט וֵוי טוּן קֵיינֶעם; דָאס אִיז בַּיי מִיר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל עֶס גֵייט מִיר מַמָשׁ אִין לֶעבְּן עֶס זָאל זַיין אַחְדוּת, לִיבְשַׁאפְט אוּן שָׁלוֹם צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג, וַוייל מֶען קֶען וֶוערְן צֶעפְּלַאצְט וֶוען מֶען הָאט מִיט אַ רַבִּים, בִּפְרַט וֶוען מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוּנְטֶערְוֶועגְנְס, מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, גֶעבְּט מֶען זִיךְ אוֹיס אוֹיף דִי וָואס הֶעלְפְּן; אוּנְז כַאפְּן דִי פְּסָקִים, אוּנְז כַאפְּן דִי טַעֲנוֹת; דֶערִיבֶּער וֶוען אִיךְ הֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז מֶען אִיז צוּפְרִידְן, מֶען רֶעדְט שֵׁיין - פְּרֵיי אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר.

אִיךְ הָאף צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן דִי יָאר, אָבֶּער דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף טוּן אִיז זֶען עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין סַכָּנָה, ווִי לְמָשָׁל עֶמֶערְדְזְשֶׁענְסִי לֵייטְס, אַז וֶוען עֶס לֶעשְׁט זִיךְ אוֹיס דִי לֶעקְטֶער זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין סַכָּנָה. אוֹיךְ פֵייעֶר עֶקְסְטִינְגְוִוישֶׁערְס; עֶס אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה צְוֵויי פֵייעֶרְס, עֶס אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע נִיסִים. אַזוֹי אוֹיךְ גֶעטְס אוֹיף דִי פֶּענְסְטֶערְס.

...

## זֶע מֶען זָאל בַּאצָאלְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אֵיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין עֶירְפָּארְט אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן אָנְקוּמֶען אַהֵיים בְּשָׁלוֹם.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אִיבֶּערְגֵיין מִיט הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר אַלֶע דְרָשׁוֹת וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה. עֶס אִיז אַ שָׁאד עֶס זָאל

פַארְלוֹירְן גֵיין דִי דִיבּוּרִים, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים, אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְקוּת; אַז מֶען וֶועט דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוּן דְרוּקְן וֶועלְן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין.

אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ; מוֹהֲרָא״שׁ גֶעבְּט אוּנְז אַזֶעלְכֶע הִתְחַזְקוּת אוּן אַזַא שֵׂכֶל וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען זִיךְ בַּאנֵייעֶן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אִיבֶּער מִיט אִים סַיי דִי תְּקִיעַת שׁוֹפָר דְרָשָׁה פוּן בֵּיידֶע טֶעג אוּן סַיי דִי דְרָשׁוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן פוּן שַׁבָּת; טוּ עֶס וִוי פְרִיעֶר, אֵיידֶער עֶס וֶוערְט פַארְגֶעסְן.

אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זֶע מֶען זָאל בַּאצָאלְן לְכָבוֹד יוֹם טוֹב אַלֶע מְלַמְדִים אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין דִי מוֹסָד; מַאךְ אַ הִתְעוֹרְרוּת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען בַּאצָאלְן אַלֶע מְלַמְדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אַלֶע הָאבְּן גֶעזֶען וִוי דִי מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט מִיט אַזוֹיפִיל פְּלָאג אוּן מִי אִין אוּמַאן מִיט דִי קִינְדֶער, זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעטוּן בְּהִתְנַדְבוּת לִבָּם. מִיר הָאבְּן גֶעהַאט בַּיי אוּנְז אִין בִּנְיָן דִי יָאר אִיבֶּער הוּנְדֶערְט קִינְדֶער כֵּן יִרְבּוּ, דִי מְלַמְדִים הָאבְּן גֶעמַאכְט יֶעדְן טָאג חֵדֶר, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער צוּם רֶבִּינְ׳ס צִיּוּן, אוֹיךְ הָאבְּן זֵיי גֶעדַאוֶוענְט מִיט זֵיי אַלֶע תְּפִילוֹת, בִּשְׁעַת דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, קוֹים וָואס מֶען הָאט כֹּחַ אַלֵיינְס צוּ דַאוֶוענֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטֶערְהֵייט. עֶס קוּמְט זֵיי מֶען זָאל זֵיי כָּאטְשִׁיג צָאלְן זֵייעֶר אָרֶעמֶע גֶעהַאלְט וָואס קוּמְט זֵיי.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵר זַיין, אִיךְ וֶועל דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן.

...

**מִיר דַארְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין עֶרְפָּארְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, מַיין הַארְץ אִיז פוּל מִיט לוֹיבּ אוּן דַאנְק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "מִי שֶׁהָיָה אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "רָאוּי לִשְׂמוֹחַ מְאֹד כָּל הַשָּׁנָה", דַארְף זִיךְ אַ גַאנְץ יָאר זֵייעֶר פְרֵייעֶן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט גֶעהָאלְפְן אִין אוּמַאן; מִיטְ'ן צוּשְׁטֶעלְן דִי שָׁאטְל מֶען זָאל קֶענֶען גֵיין אוּן קוּמֶען פוּנֶעם בִּנְיָן בִּיזְן צִיּוּן אוּן צוּרִיק אוּן פַארְ'ן הֶעלְפְן מִיט דִי עֲלִיּוֹת, מִיטְ'ן אוֹיסְרוּפְן וְכוּ' וְכוּ'.

עֶס אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען בְּעֶרֶךְ צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פוּן עֲלִיּוֹת אוּן נְדָרִים אוּן נְדָבוֹת, אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט דָאס נָאכְגֵיין, זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעקוֹיפְט, וַוייל אִיךְ דַארְף הָאבְּן דָאס גֶעלְט צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן.

אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן דִי יָאר, וַוייל מִיר דַארְפְן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן פְּלַאנִירְן צוּ בּוֹיעֶן דֶעם צְוֵוייטְן בִּנְיָן, דֶער בִּנְיָן אִיז שׁוֹין קְלֵיין, הָאסְט דָאךְ גֶעזֶען וָואס הָאט זִיךְ גֶעטוּן, וִויפִיל פְּרִישֶׁע מְקוֹרָבִים עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אוּן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַלֵיינְס וָואס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער. דִי קִינְדֶער אַלֵיינְס הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען אִיבֶּער הוּנְדֶערְט בֶּעטְן, קוּמֶענְדִיגֶע יָאר קוּמֶען צוּ נָאךְ מֶער קִינְדֶער, מִיר דַארְפְן עֶנְדִיגְן דֶעם בִּנְיָן אוּן שׁוֹין אָנְהֵייבְּן בּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ וָואס זָאל זַיין גֶענוּג גְרוֹיס פַאר אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

וִוי עֶס זֶעט אוֹיס דַארְפְן מִיר בּוֹיעֶן גָאר אַ גְרוֹיסֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ לוֹיט דִי וואוּקְס פוּן דִי קְהִילָּה.

אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

**זֶע צוּ דַאוֶועֶנֶען מִיטְ'ן עוֹלָם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף אַז קוּמֶענְדִיגֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שֵׂכֶל צוּ נֶעמֶען אַ פְּלַאץ נֶעבְּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, דַאוֶועֶנֶען אִינְאֵיינֶעם מִיט אַלֶע בָּחוּרִים. רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַ צַייט וָואס מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין גַאנְצֶע יָאר, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן אִינְדְרוֹיסְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט דִי עֶקְלְדִיגֶע גוֹיִם - דִי שׁוֹמְרִים בַּיים טִיר.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אִין עֶירְפָּארְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים; אִיךְ בִּין גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, קוֹים וָואס אִיךְ שְׁלָאף דִי גַאנְצֶע וָואךְ אִין אוּמַאן; אִיךְ דַאוֶוען פַארְ'ן עָמוּד שַׁחֲרִית אוּן מוּסָף, אִיךְ בְּלָאז דִי תְּקִיעוֹת אוּן גֶעבּ דְרָשׁוֹת, אִיךְ נֶעם אוֹיף מֶענְטְשְׁן דִי גַאנְצֶע צַייט, אִיךְ בִּין גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט; דָאךְ שְׁרַייבּ אִיךְ דִיר יֶעצְט וַוייל עֶס בַּאדֶערְט מִיר, אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען בַּיים דַאוֶועֶנֶען, הָאסְט זִיךְ גֶעדְרֵייְדט אִינְדְרוֹיסְן אַ גַאנְץ דַאוֶועֶנֶען.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל דַיין טוֹבָה; דוּ בִּיסְט אַ יוּנְגֶער בָּחוּר, אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ הָאבְּן גוּטֶע חֲבֵרִים, דוּ וֶועסְט דַאוֶועֶנֶען אוּן לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זִיךְ מַאכְן אַ גוּטֶע נָאמֶען, נָאכְדֶעם וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעְנוּמֶען פוּן דִיר וִוי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אִין עֶירְפָּארְט, אִיךְ הָאבּ אַפָּאר שָׁעָה בִּיז דֶער פְּלִיגֶער פָּארְט אַרוֹיס. אִיךְ גֵיי אִיבֶּער מַיינֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶועם אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעזֶען, וֶועם אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן. אִיךְ טְרַאכְט פוּן דִיר; אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן, אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶעְנוּמֶען פוּן דִיר וִוי דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין; דוּ הָאסְט אַ צֶלֶם אֱלֹקִים, אַ שֵׁיינֶע בָּארְד מִיט פֵּיאוֹת, דוּ גֵייסְט אָנְגֶעטוֹן חֲסִידִישׁ, דוּ בִּיסְט פְּרִישׁ; אִיךְ בִּין זֵייעֶר נִתְפָּעֵל פוּן דִיר.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים צִיוּן פַאר דִיר, דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן בְּקָרוֹב דַיין שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט מִיר בְּקָרוֹב מְבַשֵּׂר זַיין גוּטֶע בְּשׂוּרוֹת.

דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ זָאגְן מוּסָר, טָאר נִישְׁט זָאגְן מוּסָר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעם אַרַיין דִי וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיטְל נַאכְט בַּיים רֶבִּי׳ן, דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח) וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ זָאגְן מוּסָר - טָאר נִישְׁט זָאגְן מוּסָר, וַוייל עֶס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער, עֶס אִיז מַבְאִישׁ רֵיחַ, נָאר דֶער וָואס קֶען זָאגְן מוּסָר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ - דֶער מֶעג זָאגְן מוּסָר.

וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזֶען דִי עֲבֵירָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעמַאכְט, דֶעם חֵטְא הָעֵגֶל - הָאט עֶר גֶעזָאגְט (גִּיטִּין לו:): ״עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן״, דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶנְק נָאכְאַלְץ לִיבּ, אִידְן טוּט תְּשׁוּבָה, קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז דָאס גֵייט אַרוּיף אוּיפְ׳ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן, מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט מַבְאִישׁ רֵיחַ זַיין, מֶען דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס זָאגְן: ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאכְאַלְץ לִיבּ; אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס וְכוּ׳ וְכוּ׳, הָאט מִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נָאכְאַלְץ לִיבּ׳; נָאר אַזוֹי קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, נָאר אַז מֶען הַאלְט פוּן זִיךְ, אוּיבּ מֶען הָאט זִיךְ פַיינְט, מֶען קְלַאפְּט זִיךְ אַרָאפּ, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט לַיידְן, דֶעמָאלְט פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין יֵאוּשׁ אוּן מֶען לָאזְט אָפּ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים.

הַלְוַואי זָאלְסְטוּ לֶעבְּן מִיט דִי וֶוערְטֶער אַ גַאנְץ יָאר, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אַן הִתְעוֹרְרוּת וָואס קוּמְט פוּן הִתְחַזְקוּת הַאלְט אָן לַאנְג״.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ׳ן מַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ זִיץ יֶעצְט אוּיפְ׳ן פְלִיגֶער, גֶעוֶועזְלִיךְ וֶוען אִיךְ קוּם צוּרִיק פוּן אַ נְסִיעָה שְׁלָאף אִיךְ פוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטְקֵייט, יֶעצְט בִּין אִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אָבֶּער אִיךְ קֶען נִישְׁט שְׁלָאפְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צוּקָאכְט פוּן פְרֵייד פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּיי זִיךְ, אִיךְ טַאנְץ פַאר שִׂמְחָה: ״אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ! אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת בְּאוּמַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה!״

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט בֵּיידֶע טֶעג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מוֹהֲרַא״שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַז שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיט אוּנְז, שָׁלוֹם בַּיִת הָאט מִיטְ׳ן מַאן. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; מוֹהֲרַא״שׁ פַארְלַאנְגְט פוּן אוּנְז מֶען זָאל לֶעבְּן

בְּשָׁלוֹם, מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, דֶער מַאן הָאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי וַוייבּ אוּן לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם מִיט אִיר, זָאל זַיין וָואס פַאר אַ פְּרוֹי עֶס זָאל זַיין; אַ שְׁוֶוערֶע, אַ שְׁלֶעכְטֶע, אַ הַארְטֶע, אַ אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס; דָאךְ דַארְף דֶער מַאן טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

נֶעם אַרַיין דִי וֶוערְטֶער, לֶעבּ מִיט דִי וֶוערְטֶער אַ גַאנְץ יָאר; גֶעדֶענְק אַז שָׁלוֹם בַּיִת אִיז עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶס אִיז אַ הוֹיכֶע עֲבוֹדָה, יֶעדֶע מָאל מֶען גֶעבְּט נָאךְ אִין שְׁטוּבּ, מֶען אִיז אַ וַתְּרָן אוּן אַ סַבְלָן אִיז מֶען זִיךְ מְזַכֵּךְ אוּן מֶען קוּמְט צוּ גְרוֹיסֶע דַּרְגוֹת.

אַשְׁרֵינוּ שֶׁזָּכִינוּ לִהְיוֹת בְּאוּמַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה!

...

## דַארְפְסְט שֶׁעצְן דַיין וַוייבּ אַז זִי הָאט דִיר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

ווִיסְן זָאלְסְטוּ, דוּ הָאסְט אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ, זִי אִיז אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי; אַז זִי הָאט דִיר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה יֶעצְט וֶוען זִי ווַארְט אַ שִׂמְחָה - וַוייזְט דָאס אִיר אֱמוּנַת חֲכָמִים. אַנְדֶערֶע פְרוֹיעֶן לֵייגְן זִיךְ אִין דִי לֶענְג אוּן אִין דִי בְּרֵייט נִישְׁט צוּ לָאזְן פָארְן אִין אַזַא צַייט וְכוּ׳, דוּ דַארְפְסְט אִיר זֵייעֶר מְכַבֵּד זַיין אוּן זֵייעֶר לוֹיבְּן, קוֹיף אִיר אַ שֵׁיינֶע מַתָּנָה לִכְבוֹד וָואס זִי הָאט דִיר גֶעשְׁטוּפְּט צוּ פָארְן.

וַוייז אִיר דֶעם בְּרִיוו, זָאל זִי זֶען וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר; עֶס קוּמְט אִיר דִי גַאנְצֶע כָּבוֹד אַז זִי הָאט דִיר אַוֶועק גֶעשִׁיקְט אִין אַזַא צַייט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אַז מֶען פָארְט אַהֵיים פוּן רֶבִּי׳ן גֶעזֶעגְנְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מֶען בְּלַייבְּט בַּיים רֶבִּי׳ן אַ גַאנְץ יָאר, מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין חֲסִידִים וָואס קוּמֶען אֵיינְמָאל אַ יָאר צוּם רֶבִּי׳ן אוּן אַ גַאנְץ יָאר אִיז מֶען פַאר זִיךְ, מִיר לֶעבְּן מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן טָאג אוּן נַאכְט, אַ גַאנְץ יָאר.

כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה.

...

**רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין אוּן דֶערְהוֹיבְּן**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין יֶעצְט אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן אוּמַאן, יֶעצְט כַאפּ אִיךְ זִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעזֶען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב, דַיין טַאטֶע הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען, דַיינֶע בְּרוּדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען, אָבֶער דִיר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעזֶען; אַ שָׁאד דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶעוֶוען, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שֵׁיין, אַזוֹי דֶערְהוֹיבְּן.

שַׁחֲרִית אוּן מוּסָף הָאבּ אִיךְ גֶעדַאוֶונְט; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט צוּ זַיין בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיף שַׁחֲרִית, אוּן דִי לֶעצְטֶע יָאר הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט "אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ דַאוֶונֶען מוּסָף"; אִיךְ וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַלֵיינְס מְכַבֵּד גֶעוֶוען.

אוֹיךְ דִי תְּקִיעוֹת; וֶוען נִישְׁט מוֹהֲרָא"שׁ זָאל מִיר גֶעבְּן דֶעם שׁוֹפָר אִין הַאנְט וָואלְט אִיךְ מוֹרָא גֶעהַאט דָאס אַלֵיינְס צוּ נֶעמֶען, יֶעצְט וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט בְּלָאזְן שׁוֹפָר - בְּלָאז אִיךְ. דִי יָאר הָאבּ אִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי תְּקִיעוֹת דִּמְעֻמָּד פַאר'ן דַיין שְׁלִיטָ"א.

דִי דְרָשׁוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חֵן, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ מַמָּשׁ וִוי מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט, עֶס אִיז אַזוֹי וִוי בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אִיךְ גֶעדֶענְק אַלֶע יָארְן אִין אוּמַאן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ, עֶס פְלֶעגְט זִיךְ שְׁפִּירְן וִוי תְּחִיַּית הַמֵּתִים. אִין אוּמַאן אִיז דָאךְ יֶעדֶער אַזוֹי אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט, אַלֶע הָאבְּן בִּלְבּוּלִים, אָבֶער וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט גֶעבְּן דִי שִׁיעוּר מִיטְל נַאכְט, פְלֶעגְט מֶען וֶוערְן אַזוֹי פְרִישׁ, אַזוֹי אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְלָאזְן אַ חַיּוּת אִין דִי עֲצָמוֹת הַיְבֵשׁוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז הַיינְט מִיט דִי שִׁיעוּרִים אִין אוּמַאן, עֶס אִיז עֶפֶּעס אַ גְרוֹיסֶער כֹּחַ; עֶס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶס פְרִישְׁט אוֹיף.

...

## נֶעם צוּזַאמֶען צְדָקָה פַאר מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוֹיף יוֹם טוֹב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, ג׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי נָאךְ גֶעלְט, נֶעם צוּזַאמֶען צְדָקָה פַאר מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן נִישְׁט אוֹיף יוֹם טוֹב.

אִיךְ בִּין אַלֶע מַיינֶע יָארְן פוּן אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר, פוּן מַיין בַּר מִצְוָה - אַלְץ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט, בִּיז אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה, דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט זַיין בַּאהַאלְטְן צוּלִיב דִי מַחֲלֹקֶת, אָבֶער אַזוֹי פְלֶעג אִיךְ אַלְץ גֵיין נָאךְ גֶעלְט; אַזוֹי הָאט מִיר זֵיידִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מְחַנֵךְ גֶעוֶוען, עֶר הָאט מִיר גֶעמוּטְשֶׁעט כְּסֵדֶר אִיךְ זָאל גֵיין נָאךְ גֶעלְט.

אַז מֶען גֵייט נָאךְ גֶעלְט אִיז מֶען זִיךְ מְתַקֵן מִיט דִי גְרֶעסְטֶע תִּיקוּנִים, בִּפְרַט וֶוען מֶען וֶוערְט מְבוּזֶה, מֶען כַאפְּט אַ בִּזָיוֹן; דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ פַאר תִּיקוּן הַנֶפֶשׁ.

דִי צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער וָואס דוּ הָאסְט צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין מִינוּטְן, מִשְׁפָּחוֹת הָאבְּן זִיךְ מְחַיֵ׳ גֶעוֶוען. אִיךְ דַארְף נָאךְ גֶעלְט, יֶעצְט פַאר יוֹם טוֹב דַארְף אִיךְ הֶעלְפְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס הָאבְּן נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען דֶעם יוֹם טוֹב.

בִּזְכוּת מִצְוַת צְדָקָה זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ אַ זִיס לֶעבְּן.

...

## מֶען דַארְף פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רַב וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּלֶךְ-שׁוּבָה, ד׳ תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז דַיין וַוייבּ טָאר נִישְׁט פַאסְטְן - דַארְפְסְטוּ

פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רָב וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; דֶער דָאקְטֶער אִיז נִישְׁט קַיין פּוֹסֵק, עֶר קֶען נִישְׁט פַּסְקְ׳נֶען; מֶען דַארְף פְרֶעגְן אַן עֶרְלִיכֶער רָב וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

אַ גְמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

...

## נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ

קִינְדֶער, מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ; מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ אוֹיבּ יֶענֶער אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטְרָאף.

הֶערְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט (אֲשֶׁר בַּנַּחַל חֵלֶק סא, מִכְתָּב י"ב שנב):

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט אַפְּטָא אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ סַאסוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט דָארְט אַ גְרוּפֶּע תַּלְמִידִים הֵיילִיגֶע אִידְן. נָאכְדֶעם הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אַוֶועקְגֶעצוֹיגְן קַיין סַאסוּב מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים, אֵיין תַּלְמִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין אַפְּטָא, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט זִיךְ אַרִיבֶּער צוּ צִיעֶן קַיין סַאסוּב; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, זַיינֶע בְּרָכוֹת פְלֶעגְן מְקוּיָם וֶוערְן.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען צוּ אִים פַאר יְשׁוּעוֹת, אַלֶע זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אִים בֶּעטְן בְּרָכוֹת; אָבֶער

דֶער חַזָּן אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער לֵץ, אַ מְחוּצָף, עֶר הָאט גֶעזוּכְט וִוי עֶר קֶען חוֹזֶק מַאכְן פוּן דֶעם אִיד. וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען אַלֶע אִידְן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען זִיךְ מַזְכִּיר זַיין בַּיי דֶעם אִיד – הָאט דֶער חַזָּן גֶעשִׁיקְט זַיין דִינְסְט מִיט דִי צִיגֶעלֶע עֶר זָאל גֶעבְן אַ בְּרָכָה פַאר זַיין צִיגֶעלֶע, מִיט דִי כַּוָונָה צוּ שְׁפֶּעטְן. דִי דִינְסְט קוּמְט אַרַיין אוּן בֶּעט הוֹיךְ: "דֶער רֶבִּי זָאל וִוינְטְשְׁן פַאר דִי צִיג אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר!" הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן: "יְהִי רָצוֹן מִלְפָנֶיךָ, עֶס זָאל זַיין דֶער וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער צִיג זָאל בַּאקוּמֶען דֶעם שֵׁיינֶעם קוֹל פוּנֶעם חַזָּן אוּן דֶער חַזָּן זָאל בַּאקוּמֶען דִי קוֹל פוּנֶעם צִיג!"



דֶער חַזָּן מַאכְט מֶעעֶע מֶעעֶע

און אַזוֹי אִיז גֶעשֶׁען; דֶער צִיג הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען מִיט אַ שֵׁיינֶעם קוֹל, און דֶער לֵץ, דֶער חַזָן - הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרוּמֶען: "מֶעע...! מֶעע...! מֶעע...! מֶעע...!" אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים! עֶר אִיז גֶעוָוארְן צוּ שַׁאנְד און צוּ שְׁפָּאט; וואוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מֶעע...! מֶעע...!" פַארְשְׁטֵייט זִיךְ עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס חַזָן.

פוּן דֶעם זֶעעֶן מִיר אַז מֶען טָאר נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע און זִיכֶער נִישְׁט פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף.